ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## צו

**(חלק כז שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**״אוצר החסידים״**
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת צו, שבת הגדול, ח־יד ניסן, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# צו ב

א. אין פסוק[1] „ובשר זבח תודת שלמיו ביום קרבנו יאכל לא יניח ממנו עד בוקר" איז רש"י מעתיק די ווערטער „לא יניח ממנו עד בוקר" און איז מפרש: אבל[2] אוכל הוא כל הלילה אם כן למה אמרו עד חצות כדי להרחיק האדם מן העבירה.

בפשטות לערנט מען[3], אַז מיט „למה אמרו" מיינט רש"י — דאָס וואָס עס שטייט אין תורת כהנים על אתר[4] (און אין משנה[5]) „למה אמרו חכמים עד חצות" (ובפרט אַז אין כמה כתבי־יד פון פירוש רש"י[6] איז די גירסא „למה אמרו חכמים"), אַז די חכמים (בזמן בית שני[7]) האָבן גוזר געווען אַז מען זאָל עסן בשר הזבח בלויז „עד חצות"[*7].

איז ניט פאַרשטאַנדיק: פירוש רש"י על התורה איז ניט קיין ספר הלכות, נאָר, ווי רש"י זאָגט כמה פעמים[8] — „אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא" — ועפ"ז: למאי נפק"מ אין פשוטו של מקרא די גזירת חכמים (זמן רב נאָך מ"ת — מקרא) ניט צו עסן בשר הזבח אחרי חצות?!

נאָך מער: רש"י זאָגט — „אם כן למה אמרו" — ד.ה. אַז עס איז ברור אַז מען ווייס פון פריער אַז „אמרו עד חצות", וואָס דערפאַר שטעלט זיך די שאלה „למה אמרו כו'" (און דער טעם איז) כדי להרחיק כו'".

איז תמוה: פון וואַנעט ווייס מען (אין פשוטו של מקרא) וועגן דער גזירת חכמים, אַז רש"י זאָל צוליב דעם דאַרפן באַוואָרענען די שאלה „למה אמרו עד חצות"?

ב. דער פלא אין פירוש רש"י איז נאָך גרעסער:

די באַוואָרעניש — אַז כאָטש מן התורה קען מען עסן דעם קרבן „עד בוקר", האָבן אָבער די חכמים גוזר געווען מ'זאָל עס מעגן עסן נאָר „עד חצות" — איז דאָך שייך ביי אַלע קרבנות וועלכע זיינען נאכלים ליום ולילה, וואָס וועגן איינעם פון זיי — קרבן פסח — האָט מען שוין געלערנט אין פ' בא[9]: „ואכלו את הבשר בלילה הזה גו' ולא תותירו ממנו עד בוקר".

1) פרשתנו ז, טו.

2) בדפוס ראשון ושני ובכמה כת"י רש"י שתח"י — תיבת „אבל" ליתא.

3) ראה שפ"ח כאן.

4) וכן במכילתא בא (יב, ח), הובא לקמן בפנים סעיף ב.

5) ריש ברכות.

6) ובא' מכת"י רש"י שתח"י „למה נאמר". — אבל בדפוס ראשון, שני ודפוסי רש"י הנפוצים הגירסא „למה אמרו" (בהשמטת תיבת „חכמים").

7) ראה מכילתא שם: ולקיים דברי אנשי כנסת הגדולה שהיו אומרים . . ועשו סייג לתורה. — וראה לקו"ת ר"ה (נז, ג), סידור (רמד, א) ובכ"מ, שרוב גזירות וסייגים נתחדשו בזמן בית שני (אף שמצינו גזירות גם לפנ"ז — ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך גזרה ס"ע תקלב ואילך. וש"נ).

*7) וכפשטות ל' רש"י בקהלת עה"פ (יב, יא) דברי חכמים.

8) פרש"י בראשית ג, ח. שם, כד. ובכ"מ.

9) יב, ח־י.

שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס באַ־וואָרנט ניט רש״י פריער (ביי קרבן פסח) — „אם כן למה אמרו עד חצות כו׳״?

ובפרט אַז אין מכילתא דאָרט[10], נאָך דעם ווי ער איז מפרש אַז אכילת הפסח איז „עד שיעלה עמוד השחר״ (ווי מען לערנט אָפּ פון דעם כפל „עד בוקר״[11] — „ליתן תחום לבקרו של בקר״), באַוואָרנט ער: „ומפני מה אמרו עד חצות כדי להרחיק אדם מן העבירה כו׳״;

און רש״י[11] ברענגט התחלת הענין (אַז פון „עד בקר״ וואָס שטייט „פעם שני״ לערנט מען אָפּ „ליתן בקר . . ובא הכתוב להקדים שאסור באכילה מעלות השחר״) — און איז משמיט דעם המשך „ומפני מה אמרו כו׳״!

ולכאורה איז איפכא מסתברא — עס האָט מער אָרט צו באַוואָרענען דאָס ביים קרבן פסח איידער צו טאָן דאָס בפרשתנו (בתודה). וואָרום בליל פסח, אויך בזמן הזה, איז מען מדייק אין אכילת אפיקומן פאַר חצות, צוליבן טעם וואָס אכילת אפיקומן איז אַ זכר צום קרבן פסח „שלא הי׳ נאכל אלא עד חצות״[12] — ובמילא האָט אַן אָרט צו זאָגן[13] אַז מען דאַרף מסביר זיין פאַרן לומד ווי אַזוי אָט די הנהגה איז ניט אין סתירה מיטן פסוק „ולא תותירו ממנו עד בוקר״.

## ג. דער ביאור אין דעם:

דער ענין, אַז אכילת הזבח איז נאָר „עד חצות״, ווייס מען לויט פירוש רש״י (ניט פון תורת כהנים און משנה, נאָר) פון פסוק גופא*[13] לפי פשוטו של מקרא (כדלקמן סעיף ד־ה) — משא״כ סתם אַ גזירה דרבנן האָט קיין שייכות ניט מיט פשוטו של מקרא.

און דאָס וואָס רש״י זאָגט דערויף „למה אמרו״ (ובפרט לויט דער גירסא „למה אמרו חכמים״) — וועט זיין פאַר־שטאַנדיק לויט ווי מ׳האָט שוין אַמאָל מבאר געווען[14] לשון רש״י (אין פ׳ בשלח[15]) בנוגע צו תחום שבת, וז״ל: „שבו איש תחתיו — מכאן סמכו חכמים[16] ד׳ אמות ליוצא חוץ לתחום כו׳; אל יצא וגו׳ — אלו אלפים אמה של תחום שבת[17], ולא במפורש שאין תחומין אלא מדברי סופרים, ועיקרו של מקרא על לוקטי המן נאמר״ —

10) שם, ח.

11) שם, י.

12) שו״ע אדה״ז או״ח סתע״ז ס״ו. — ומכיון שגם „בן חמש״ רואה דממהרים כו׳ באכילת האפיקומן בודאי שואל ע״ז (ובפרט שהוא ליל פסח ש„הבן שואל״) ואביו מסבירו הטעם כו׳.

13) אבל — אינו הכרחי. כי דין זה ד„לא תותירו ממנו עד בקר״ נאמר (בפ׳ בא) בפסח מצרים, ואין הכרח שכ״ה גם בפסח דורות, כי כו״כ פרטים דפסח מצרים שונים מפסח דורות (ראה בא שם, ז. שם, יא ואילך. רש״י שם, ג. שם, ו), ולהלן שם (פסוק מג ואילך) בדיני פסח דורות לא נזכר דין זה. ורק לקמן וגבי פסח שני (בהעלותך ט, יב) נאמר „לא ישאירו ממנו עד בוקר גו׳ ככל חוקת הפסח גו׳״; ועד שילמוד (בפ׳ בהעלותך) שנוהג גם לדורות, כבר למד פרש״י דפרשתנו ד„אמרו עד חצות כדי להרחיק כו׳״, שמזה למדין לכל הקרבנות (דזיל בתר טעמי׳).

*13) להעיר מפיה״מ להרמב״ם זבחים (פ״ט מ״ו) שהקטר חלבים ואברים עד חצות (להרחיק מן העבירה) נרמז בקרא. ע״ש.

14) לקו״ש ח״ו ע׳ 208 הערות 32, 33. חי״ג ע׳ 6 הערה 38 ובשוה״ג שם.

15) טז, כט.

16) מכילתא עה״פ. עירובין נא, א (וכפרש״י שם. אבל בתיב״ע עה״פ דקאי על ד׳ אמות דהעברה. וראה רא״ם שם).

17) מכילתא ועירובין שם. תיב״ע עה״פ.

אַז רש״י איז מדייק בלשונו „(נאָר) עיקרו של מקרא על לוקטי המן נאמר", ווייל לויט רש״י ווערט דער ענין פון „אלפים אמה של תחום שבת" אַרויסגע־לערנט פון פסוק (ובמילא — איז עס אַ דין תורה[18]), אע״פ וואָס עס איז ניט עיקרו.

[פשש״מ איז עס מכריח — וואָרום אויב די תורה וואָלט געמיינט נאָר די „לוקטי המן", האָט דער לשון הפסוק געדאַרפט זיין: „אל יצאו ללקוט ביום השביעי" (וכיו״ב). וויבאַלד אַז עס שטייט בלשון סתמי „שבו איש תחתיו אל יצא איש ממקומו" איז דערפון מוכח, אַז די תורה וויל אויך מרמז זיין אַ דין כללי (ניט נאָר בשייכות צו „לוקטי המן") — „אלו אלפים אמה של תחום שבת"].

נאָר היות אַז דער עיקר ותוכן כללי פון דער פרשה איז וועגן „לוקטי המן", איז דער ענין פון תחום שבת ניט „עיקרו של מקרא"[19].

און דערפאַר רופט עס אָן רש״י „דברי סופרים": רש״י מיינט דאָ ניט זאָגן אַז דאָס איז אַ שפּעטערדיקע תקנת חכמים, נאָר זייענדיק אַן ענין וואָס שטייט ניט בפירוש אין פסוק (ס'איז ניט „עיקרו של מקרא"), איז עס אַן ענין פון „דברי סופרים"[20] — וואָס „סופרים", וועלכע זיינען מדייק אין די אותיות ותיבות[21] פון „ספר התורה הזה", האָבן אַזוי אַרויסגעלערנט פון דיוק לשון המקרא[22].

— און די סופרים זיינען ניט חכמים מסויימים אין אַ תקופה מסויימת וועלכע האָבן געמאַכט די גזירות דרבנן, נאָר די „סופרים" שבכל דור ודור אָנהויבנדיק פון זמן משה[23].

[און אַזוי איז אויך בנוגע דעם לשון רש״י אויף „שבו איש תחתיו — מכאן סמכו חכמים ד' אמות ליוצא חוץ לתחום", אַז אָט דער דין (איז ניט קיין שפּעטערדיקע תקנה, נאָר ער איז אַנ־דערש דערמיט, וואָס ער) ווערט אַרויס־

18) וכדעת רע״ק (סוטה ל, ב וש״נ) שתחומין דאורייתא (וראה לקמן הערה 34)*. אלא שלפרש״י עה״ת אינו „עיקרו של מקרא" ולכן נק' „דברי סופרים" (כדלקמן בפנים), אבל דין תורה הוא (ראה הנסמן לקמן הערה 20).

19) ע״ד שמצינו בכ״מ בפרש״י עה״ת, דכאשר הפירוש ע״פ דרך הפשט אינו מתיישב (כ״כ), מוסיף רש״י פי' ע״ד הדרש כו' — דהיינו שדרש זה ג״כ שייך לאמרו בפשוטו של מקרא (וכל' רש״י בראשית ג, ח: ולאגדה המיישבת דברי המקרא כו'), אלא שאינו עיקר הפשט, שהביאו לפני זה.

*) ולהעיר מפרש״י שבת (פז, ריש ע״ב ד״ה וקא מיפלגי וד״ה אתחומין. וראה תוד״ה אתחומין שם). ואכ״מ.

20) וע״ד שיטת הרמב״ם ב„דברי סופרים" (פיהמ״ש כלים פי״ז מי״ב (בסופה). סהמ״צ שורש ב'. וראה בארוכה מפרשים לסהמ״צ שם. נ״כ הרמב״ם הל' אישות פ״א ה״ב. ועוד). וראה בפרטיות אנציקלופדי' תלמודית ערך דברי סופרים סעיף ב. וש״נ.

21) כמחז״ל (קידושין ל, א): שהיו סופרים כל האותיות שבתורה. — ומובן ג״כ מל' „סופרים" שהובא בפרש״י (וירא יח, כב. בהעלותך יא, טו. תבא כח, ל) „תיקון סופרים" (ולהעיר מרש״י ויחי מט, ז). וראה לקמן סעיף ו.

22) ועד״ז פרש״י תשא (לד, כו) „לעוף . . שאין איסורו מן התורה אלא מדברי סופרים" — אין הכוונה שהוא תקנת חכמים כ״א שזה גופא נלמד מקרא (אלא שאינו „עיקרו של מקרא"), וכמשנ״ת בלקו״ש ח״ו שם (ע' 208 ואילך). וראה לקמן הערה 35.

23) ראה גם סהמ״צ שם: היו נודעים בימי משה, ונאמר עליהם דקדוקי סופרים כו' (וראה לקמן שוה״ג להערה 32). וראה מכילתא שבהערה 17: ומנין ששמעו דבר זה וקבלו עליהם כו'.

געלערנט בדרך „סמך" (דורך „חכמים") פון פסוק גופא[24]; און מיט „חכמים" מיינט רש"י[25] — די חכמי ישראל שבכל דור, אָנהויבנדיק פון דורו של משה].

ד. ועד"ז איז דער ביאור בפירוש רש"י דידן:

לערנענדיק דעם פסוק „ביום קרבנו יאכל לא יניח ממנו עד בוקר" שטעלט זיך די שאלה: וויבאַלד די תורה קומט דאָ באַשטימען דעם זמן אכילת הקרבן — האָט געדאַרפט שטיין קלאָר „ביום קרבנו יאכל עד בוקר" (אַז זמן האכילה איז „עד בוקר"); פאַרוואָס איז דער פסוק מפסיק מיט אַן אַנדער ענין „לא יניח ממנו"?

[און אויב דער פסוק איז אויסן צו מזהיר זיין דעם לאו פון „לא יניח ממנו" (נאָך זמן האכילה) — האָט עס דער פסוק געדאַרפט זאָגן לבסוף, נאָכן סיום פון ענין הראשון: ביום קרבנו יאכל עד בוקר, לא יניח ממנו].

איז דערפון מובן, לכאורה, אַז דער זמן האכילה ציט זיך טאַקע ניט „עד בוקר", און דערפאַר שטייט ניט „יאכל עד בוקר", נאָר „לא יניח ממנו עד בוקר" — ווייל דער זמן פון „יאכל" ענדיקט זיך ניט „עד בוקר" נאָר אַ צייט פריער (ביי חצות), און די הגבלה „עד בוקר" איז נאָר בנוגע „יניח ממנו", יניח מעג אויך זיין שפּעטער (מ'מעג עס האַלטן ביי זיך אויך נאָך חצות) — און אין דעם זאָגט אָן תורה „לא יניח ממנו עד בוקר", אַז דער „יניח ממנו" טאָר ניט זיין „עד בוקר"[26] [ובמילא דאַרף מען ענדיקן דעם „יאכל" בזמן המרוחק מן העבירה — עד חצות — כדי דער „יניח ממנו" זאָל ניט אַריינציען „עד בוקר"].

אָבער עפ"ז שטעלט זיך די שאלה, לאידך: אויב די תורה מיינט צו אסר'ן די אכילה אויך אין דער צייט פון קודם הבוקר — האָט די תורה געדאַרפט קובע זיין דעם זמן ביז וואַנען מען מעג עסן דעם בשר הזבח. פאַרוואָס זאָגט דער פסוק סתם „ביום קרבנו יאכל" (וואָס מיינט בפשטות דעם גאַנצן יום, מעת־לעת[27]), וואָס פון דעם איז מובן אַז מען מעג עסן „עד בוקר"?

ה. אויף דעם זאָגט רש"י, אַז אין הכי נמי — „לא יניח ממנו עד בוקר, אבל אוכל הוא כל הלילה אם כן למה אמרו עד חצות כדי להרחיק האדם מן העבירה":

דאָס וואָס תורה זאָגט „לא יניח ממנו עד בוקר" (ניט „יאכל עד בוקר") פון

24) להעיר מריטב"א ר"ה (טז, א) בנוגע ל„אסמכתא".

25) ראה לקמן סעיף ו — הטעם שנקט רש"י כאן ל' „חכמים" דוקא.

26) וצע"ק לאחרי חצות איך יקיים „לא יניח גו'" — שהרי אסור לאכלו ואסור לשרפו (ראה הערה 31).

27) שהרי מש"נ כאן „ביום" לא בא לשלול „לילה" (ולהעיר מלקו"ש חי"ב ע' 79)* כ"א דאינו נאכל לשני ימים (כבנדר או נדבה שבפסוק תיכף לאח"ז).

*) מפרש"י **בש"ס** — פסחים (ג, א ד"ה זבחים) זבחים (נה, א ד"ה ליום ולילה) משמע קצת דזה שנאכל בלילה נלמד מ„לא יניח ממנו עד בקר". אבל ע"ד הפשט ידעינן זה (גם) ממש"נ „ביום קרבנו יאכל" (וראה רש"י ברכות ט, א ד"ה יכול). והדיוק מ„לא יניח גו'" הוא ד„אוכל הוא **כל** הלילה".

ולהעיר משיחת ש"פ צו תשמ"א, שע"פ **פשוטו** של מקרא, גם הנאכלים לשני ימים — „וממחרת" (כבפסוק שלאח"ז) — מותרים באכילה **בליל** יום השלישי. ואכ"מ.

וועלכן ס'איז משמע אַז דער „יאכל״ איז ניט „עד בוקר״ — ולאידך איז די תורה ניט מגביל קיין זמן פאַר אכילת הזבח (ובמילא אַז „לא יניח ממנו עד בוקר״ מיינט אַז מען קען עס עסן „עד בוקר״) — איז ווייל די תורה זאָגט דאָ צוויי זאַכן:

(א) דעם עיקר המכוון — „לא יניח ממנו עד בוקר״ („עיקרו של מקרא״), וואָס קומט לערנען — „אבל אוכל הוא כל הלילה״, ווייל מעיקר (המקרא ו)הדין איז ניטאָ קיין איסור צו עסן כל הלילה — כל זמן עס איז לפני הבוקר.

(ב) „אם כן למה אמרו עד חצות כדי להרחיק האדם מן העבירה״ — אין דעם דיוק לשון המקרא „לא יניח ממנו עד בוקר״ איז די תורה מרמז, אַז עס דאַרף זיין אַ הפסק, אַ ריחוק בזמן צווישן „יניח ממנו״ און דעם זמן פון עסן[28] — „כדי להרחיק האדם מן העבירה״.

און מהאי טעמא איז „אמרו (חכמים) עד חצות״ — וויבאַלד תורה זאָגט אַז עס דאַרף זיין אַ הרחקת זמן פון „יניח ממנו״, האָבן די חכמי ישראל[29] (דורך אָפּשאַצן בחכמתם טבע בני אדם) משער געווען אַז מיט דער הרחקה מיינט די תורה[30] „עד חצות״.

[וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז ניט אַן איסור מעיקר הדין[31], נאָר בלויז לשם הרחקה[32] — זאָגט עס די תורה ניט בפירוש, נאָר דורך אַ רמז אין דיוק הלשון וועלכער ווערט מפורש פון די „חכמים״[30]].

ועפ״ז איז מובן פאַרוואָס רש״י ברענגט ניט דעם ענין פריער אין פ' בא — ווייל דאָרטן איז ניטאָ קיין רמז בפשוטו של מקרא אויף דעם חיוב להרחקת האכילה: אין דעם פסוק „ולא תותירו ממנו עד בוקר״ ווערט בכלל ניט דערמאָנט וועגן תנאי אכילת הפסח (דאָס שטייט אין אַ פריערדיקן פסוק „ואכלו את הבשר גו׳״).

28) ע״פ המבואר בפנים מובן ג״כ הטעם לשינוי ל' הכתוב — „לא יניח ממנו״, דלא כבפ' בא (יב, י) „ולא תותירו ממנו״ (ובפרט שגם בפרשתנו בפסוקים שלאח״ז נאמר לשון „נותר״) — כי בזה מדגיש שיש זמן (לפני שנעשה נותר) שאין לאכול אותו, כ״א רק „יניח ממנו״ [בסגנון אחר קצת: „תותירו״* מדגיש מה שמותירו לאחר זמנו; „יניח״ מדגיש רק — העדר האכילה].

29) כבר בימי משה (כנ״ל סעיף ג). — ואולי מטעם זה השמיט רש״י (להגירסא הנפוצה) תיבת „חכמים״, לשלול הטעות שכוונתו ב„חכמים״ היא כמו תיבת „חכמים״ שבתו״כ (ומשנה).

30) להעיר מחגיגה (יח, א): לא מסרן הכתוב אלא לחכמים, ולדעת רש״י (מו״ק יא, ב ד״ה אלא אפילו — הובא בתוד״ה חולו ש״מ חגיגה שם) הוא איסור דאורייתא. וראה בפרטיות אנציקלופדי' תלמודית ערך חול המועד סעיף ב. וש״נ.

31) ואף שג״ז הוא איסור מה״ת (כנ״ל) — מ״מ נפק״מ ש„עד בוקר״ עדיין נקרא זמן אכילתו, שלכן לא נעשה נותר — שפירושו נותר מן האכילה — בלילה רק בבוקר ורק אז מותר לשרפו (ראה בא יב, י: והנותר ממנו עד בקר באש תשרופו. וכמובן גם ממש״נ כאן „לא יניח גו' עד בקר״). ואכ״מ.

32) וע״ד שמצינו — גם ע״ד ההלכה — כמה ענינים מה״ת שהם בגדר סייג* (ראה לקח טוב — להר״י ענגל — כלל ח כמה דוגמאות לזה). וכש״כ ע״ד הפשט.

*) וכן „לא **ישאירו** ממנו״ (בהעלותך ט, יב). וראה משפטים (כג, יח) ותשא (לד, כה) „ולא **ילין**״ (ובפרש״י שם).

*) נוסף על גזירות וסייגים בזמן **משה**, **שאין** להם תוקף דד״ת — ראה אנציקלופדי' תלמודית שנסמן בהערה 7 (בנוגע לגזירות. וכן יש תקנות של משה — ראה מגילה בסופה. **ועוד**. רמב״ם ריש הל' אבל (השיעורים דשבוע זה (תשמ״ה) — להלומדים ג״פ ליום)).

ו. אין דעם ענין הנ״ל זעט מען אויך דעם דיוק הלשון בתכלית אין פירוש רש״י עה״ת: בפ׳ בשלח ביים איסור תחומין זאָגט רש״י „שאין תחומין אלא מדברי סופרים״; אָבער ביים ענין פון „ד׳ אמות ליוצא חוץ לתחום״ איז לשון רש״י „מכאן סמכו חכמים״. ועד״ז בפרשתנו זאָגט רש״י (לויט דער גירסא בכמה כתבי־יד כנ״ל) „אמרו חכמים״.

וי״ל הביאור אין דעם: דער חילוק צווישן „סופרים״ און „חכמים״ איז — דער תואר „סופרים״ איז בעיקר מדגיש די ידיעה אין „ספר התורה הזה״, לימוד ודיוק במקרא וכו׳; דער תואר „חכמים״ טראָגט אין זיך (פשוטו כמשמעו) דעם ענין החכמה בכלל.

ובנידון דידן: די אַרויסגעלערנטע ענינים והלכות פון פסוק, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט „סייג לתורה״, „להרחיק האדם מן העבירה״, האָבן אַ שייכות צו דער תכונה פון „חכמים״, וועלכע זיינען משער בחכמתם די טבע פון מענטשן[33] און זיינען עפ״ז קובע די סייגים וגדרים אַלס הרחקה מן העבירה; אָבער די הלכות וענינים וואָס מ׳לערנט אָפּ פון דיוק לשון הכתוב בספר (וכיו״ב), וועלכע זיינען ניט קיין ענין פון סייג לתורה — זיי זיינען שייך צו „סופרים״, וועלכע זיינען מדייק אין לימוד „ספר התורה הזה״.

און דערפאַר: ביי איסור תחומין — „אלפים אמה של תחום שבת״ — זאָגט רש״י אַז דאָס איז „מדברי סופרים״, ווייל דער איסור איז לדעת רש״י ניט מצד אַן ענין פון סייג וגדר — אפילו ווען מ׳גייט אַ מהלך רב ביום השבת איז ניטאָ דער־ביי (ע״ד הפשט[34]) אַ איסור מפורש מן התורה. דאָס איז נאָר אַ הלכה נוספת וואָס מען לערנט אָפּ פון דיוק לשון הכתובים[35].

33) להעיר מפרש״י חגיגה שם: מסרן . . לחכמים היודעים להבין על איזהו להטיל ההיתר כו׳.

34) ע״ד ההלכה יש דיעות דאף שאלפים אמה הוא רק איסור דרבנן, יש תחומין מה״ת בי״ב מיל (רמב״ם הל׳ שבת פכ״ז ה״א. ועוד). אבל מפרש״י בשלח שם מוכח, דע״ד הפשט אין חילוק בין אלפים אמה לי״ב מיל (ראה מסקנת הרא״ם בשלח שם, ודלא כמ״ש בס׳ זכרון על פרש״י שם), ואין לומר שאלפים אמה הוא סייג לי״ב מיל.

35) ואין להקשות מלשון רש״י (תשא לד, כו) גבי בשר עוף בחלב „שאין איסורו . . אלא מדברי סופרים״ — אף שלכאורה הוא סייג לבשר בהמה בחלב (ראה רמב״ם הל׳ ממרים ספ״ב) — כי בפרש״י אין לומר שהאיסור דעוף הוא משום סייג, כי א״כ חי׳ הי׳ צ״ל אסור בודאי, וברש״י ראה (יד, כא) לא פירש כן (כמו שפי׳ בתשא שם לענין עוף).

[והטעם יש לומר: בהג׳ פעמים שבהם נאמר האיסור דבשר בחלב, מדשתק רש״י* משמע דס״ל שרק „בחלב אמו״ אסור (ובפרט שפעמיים (תשא שם. משפטים כג, יט) פירש דגדי לאו דוקא)**. וא״כ

*) במפרשי רש״י תשא שם, שכוונת רש״י „אזהרה לבשר בחלב״ היא — דכל חלב אסור, לאו דוקא „בחלב אמו״ (וראה שוה״ג שלאח״ז). אבל ראה לקו״ש ח״ו ע׳ 201 הערה 2.

**) במפרשי רש״י תשא שם (וראה גם לקו״ש שם ע׳ 150 הערה 39. ע׳ 202 ואילך. ע׳ 207) שגם לפרש״י האיסור הוא בכל חלב, ולכן הוזקק רש״י (תשא שם) ללימוד למעט בשר עוף — „פרט לעוף שאין לו חלב אם״.

אבל לכאורה, א״כ הו״ל לרש״י לכתוב כן בהדיא, ע״ד שמפרש ד„גדי״ לאו דוקא. ומ״ש רש״י „פרט לעוף כו׳״ אפשר לפרש שאינו לימוד ומיעוט, כ״א דמכיון שהאיסור הוא רק „בחלב אמו״ בדרך ממילא נשלל עוף.

(ומה שלא כתב זה לעיל פ׳ משפטים (שם) — כי בפ׳ משפטים נתמעט עוף מ„גדי״, דרק „עגל וכבש״ (מין בהמה) נכלל ב„גדי״ (ראה לקו״ש שם ע׳ 150 והערה 39. שם ס״ע 202 ואילך); משא״כ בפ׳ תשא

**משא״כ ביים ענין פון „ד׳ אמות ליוצא חוץ לתחום״ זאָגט רש״י „מכאן סמכו** חכמים״ **— ווייל**[36] **דער** היתר **פון „ד׳ אמות ליוצא חוץ לתחום״ איז תלוי אין** השערת טבע **האדם, אַז אַ מענטש קען זיך ניט מצמצם זיין און בלייבן** על עמדו ממש **(און דעריבער האָט מען אים גע־געבן ד׳ אמות — ג׳ לגופו וא׳ לפישוט ידים ורגלים**[37]**).**

**ועד״ז בפרשתנו, וואו עס רעדט זיך וועגן אַ גדר וסייג „להרחיק האדם מן העבירה״ — וואָס פאַדערט אַן אָפּשאַץ פון טבע בני אדם (כנ״ל סעיף ה) — זאָגט רש״י (לויט כמה כת״י) „אמרו** חכמים**״**[38]**.**

(משיחות ש״פ צו תשד״מ)

---

**אא״פ לומר שהאיסור דעוף „שאין לו חלב אם״ (רש״י תשא שם) הוא סייג להאיסור ד„גדי בחלב** אמו״].

**והאיסור דעוף** (מד״ס) **מרומז בקרא** (כנ״ל **הערה** 22) **ולכן שייך ל„סופרים״. ואכ״מ.**

36) **וע״ד משנ״ת בל׳ רש״י (שמקדים לפני פירושו) „ונחלקו בו** חכמי ישראל״ **(ראה לקו״ש ח״ט ס״ע** 201 **ואילך. חט״ז ע׳** 398 **ואילך).**

37) **רש״י בשלח שם.**

38) **ואפילו לפי הגירסא הנפוצה „למה אמרו״ (סתם) מובן ששייך לענין ד„חכמים״ (ולא „דברי סופרים״).**

---

שהאיסור הוא **בכל** בשר (כלשון רש״י „אזהרה לבשר״. וראה בארוכה לקו״ש שם, ש„גדי״ הוא שם המושאל ל„בשר״ בכלל. ע״ש), הוצרך לשלול עוף מפני „שאין לו חלב אם״.

ועוד י״ל: בפעם הא׳ י״ל דמ״ש „בחלב אמו״ הוא לפי ש„דיבר הכתוב בהווה״ (כמ״ש הרמב״ם הל׳ מאכלות אסורות פ״ט ה״ג. ובפרט ע״פ מ״ש ברשב״ם וראב״ע משפטים שם, שכן נהגו **בפועל**. וראה בארוכה לקו״ש שם ע׳ 206 ואילך); אבל כיון שנשנה ג״פ באותו הלשון ממש — ה״ז **לעכב**].